(1945 עפּיקע (נ״י) נומ׳ 18 (אַפּריל

זיך מיד פאַרנייגט. מיר האָבן דאָס געזען.
טערלעך אַוועק אין רו פון קבר רוען.
אָס אַ וואונק פאַר אונדז געווען: אַז וואָס מיר טוען —
יסער אונדזער טאָג און — גאָרנישט ניט געשען.

---

## ...יזלאַנד

* * *

פון סיני קומט דאָס שטרענגע, הויכע וואָרט.
אַ פייער־זייל, אַ ברענענדיקער דאָרן,
אַ שאַרפער בליץ, וואָס ערד און הימל פאָרט.

...ער פאָרן בוקט זיך צום לבנה־האָרן.
און שיכור איז לבנון מיט געזאַנג,
וייל אויף אים געטער זיך ווי מענטשן פאָרן.

...ין שומרון בייסט מיט גיפט די שיינע שלאַנג,
און אין יהודה שלאָגט דאָס וואָרט די מענטשן,
יז ס׳קומט די חכמה מיט איר מילדן גאַנג.

...ון פלייש און גייסט זיך בענטשן.

מאַני לייב

# דוד איגנאַטאָוו שרייבט געשיכטע

גאָטעניו, ווענד אָפּ מיין האַנט פון שרייבן די שורות וועגן אַן אַלטן טייערן חבר מיינעם, אַז נאָר בייזע שונאים זאָלן זיך פרייען. אָבער מיין חבר האָט אָנגעשריבן אַ „קאַפּיטל יונגע", וואו ער זוכט אַ פאַרבלאָנדזטער אין יינגלשער גרויסהאַלטעריי לאָזן וויסן דער וועלט, אַז ער און נאָר ער איז דאָס געווען יענער געזאַלבטער און אויסדערוויילטער פירער, מאַנער, רעדאַקטאָר און אַזש רבי פון דער אַזוי־גערופענער גרופּע „יונגע". אַזעלכע נישטיקע אַמביציעס, אפילו ווען זיי קומען פון אַ חבר, איז שווער צו פאַרשווייגן. עס איז אויך שווער צו שווייגן ווען אַ חבר רירט אָן דעם כבוד פון חברים, וואָס זיינען שוין מער ניטאָ צווישן די לעבעדיקע, און אויך דעם כבוד פון לעבעדיקע חברים, וואָס וועלן מסתמא אָפּ׳פּטר׳ן אַ חברס פאַלשע אַמביציעס מיט אַ „סאויך־מיין־דאגה". —

און די האַנט ציט זיך צו דער פעדער. און גאָט וועט שוין מיר מוזן מוחל זיין. ער זאָל מיר כאָטש אויסהיטן פון אַריבערגיין די גרענעץ פון אומכבוד, וואָס מיין ליבער חבר האָט פאַר זיך אַליין אָנגעצייכנט אין זיין „קאַפּיטל געשיכטע".

הייבט אָן מיין חבר דוד איגנאַטאָוו זיין „קאַפּיטל יונגע" אין אַזאַ נוסח:

„אין אַ צייט ווי די איצטיקע, ווען עס איז שווער צו טראַכטן", „און וואָס אין אַזאַ צייט איז ביז גאָר שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי מענטשן גיבן זיך אָפּ מיט פראַווען באַנקעטן, יובילייען און שמחות בכלל" —

האָט אין אַזאַ צייט דער ליבער חבר זיך אַוועקגעזעצט צו זיינע זעכ־ציק יאָר שרייבן דעם „קאַפּיטל יונגע", פון אָנהייב ביזן סוף, אַ „קאַפּיטל איגנאַטאָוו", וואָס עס וואָלט מער געפּאַסט, אַז אימיצער אַנדערש זאָל עס שרייבן.

אָך, יאָ! דאָס „קאַפּיטל" איז געשריבן געוואָרן אין יולי, 1944, אויף די גרינע טאָלן פון בוירקלי האַיטס, נ. דזש.

פאַרגלאָצט דער חבר מיינער זיינע אויגן און הייבט אָן מיט אַ סקאַרבאָוון מגידישן משל וועגן „פייער און ליכט" ערשט פון אַ ספר אַרויס, — און אָט, ביי אָט דעם „ליכט", „געפינט ער טאַקע טרייסט", — און אַ געטרייסטער שרייבט ער דעם „קאַפּיטל דוד איגנאַטאָוו", ווי אַזוי ער, ער, ער, דוד איגנאַטאָוו, האָט מיט יאָרן און יאָרן צוריק אָנגעפירט מלחמות פאַר דער קרוין פון אַ פירער, אַ מאַנער און רבי פון די „יונגע" און אויך פאַר דער „רעדאַקטאָרשער באָרד": מלחמות, אין וועלכע ער איז אַזש גרייט געווען

צו דערווערגן דעם שפּעטערדיקן משה נאַדיר. ווען דאָס חלילה געשעט, וואָלט אונדזער ליטעראַטור זיכער אָרעמער געוואָרן.

שרייבן וועגן זיך אַליין אַזעלכע נאַרישקייטן און צושרייבן זיך אַזעלכע „העלדישקייטן", איז, מילד גערעדט, הוילע טיפּשות און שרעקלעך געשמאַקלאָז. ביסט ממש איבערראַשט, וואָס דאָס ווערט געשריבן פון אַ זעכציקיאָריקן מענטשן, און אַ מחבר פון איבער אַ צענדליק ביכער.

לייענען מענטשן דאָס „קאַפּיטל" און מאַכן חוזק. דער חוזק קלעפּט זיך אַזש צו מיר. — נאַ, לייען די שטותרייען פון דיין חבר און שעם זיך. זע וואָס ער שרייבט: „איך האָב אין אַ זונטיק באַשלאָסן; איך האָב זיך דעמאָלט אַרומגעטראָגן מיט מאָנונגען; און אַז איך בין ניט געקומען צו מיטינגען, האָט זיך דאָס גאַנצע שפּיל אָפּגעשטעלט; איך האָב ביי חברים געשלעפּט און געקליבן דאָס בעסטע; אַז מען וועט דאַרפן וועל איך וועלן; איבער מיין פאַרלאַנג אַרויסצוהויבן דאָס אַמעריקאַנישע אין אונדז; און אַזוי האָב איך מיר אין איין שיינעם פרימאָרגן צעעפנט מיינע אויגן אויף מיין בעטל און האָב דערהערט: „זאַמלביכער", איך האָב דערזען, אַז אַ באַשלוס האָט זיך דאָ באַשלאָסן; און איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז דאָס ערשטע זאַמלבוך דאַרף באַשטיין פון פיר מענטשן און ווער עס זאָלן זיין די פיר"... אאַז"וו. — איז אָט דער אָפּגעריסענער מענטש, וואָס רעדט וועגן זיך אַליין אַזעלכע ווילדע זאַכן, געווען אייער פירער, — דער פירער פון די „יונגע"?

ענטפער איך אַ פאַרשעמטער:

— טייערע מענטשן, איר ווייסט דאָך, אַז יעדער חבר פון די „יונגע" האָט זיך געקענט האָבן אייגענע האַלוצינאַציעס און אין צענדליקער יאָרן אַרום שרייבן וועגן זיי. איך בין זיך אָבער מודה, אַז איך בין ניט געשטאַנען צוקאָפּנס מיין חבר, ווען ער האָט אין איין שיינעם פרימאָרגן צעעפנט זיינע אויגן אויף זיין בעטל אין זיין צימערל און האָט דערהערט באַשלוסן...

אָך, חוזק, דו טרעפסט זיך אַליין איבער...

אונדזער ליטעראַרישע וועלט איז קליין. איינער קען דעם צווייטן אויסגעבונדן. מיר ווייסן אויך איגנאַטאָווס אָרט. מענטשן זיינען דערפאַר געפלעפט צו הערן פון זיין אייגענעם מויל אַזעלכע אויסטערלישע זאַכן, אַז ער זאָל דאָס האָבן געפירט אַ דור אַ גאַנצן שרייבער מיט אַזעלכע נעמען: ראַבאָי, ראָלניק, אָפּאַטאָשו, מאַני לייב, שוואַרץ, נאַדיר, מ. י. חאַימאָוויטש, א. מ. דילאָן, פראַדל שטאָק, ר. אייזלאַנד, ה. לייוויק, זישא לאַנדוי, ה. געלבוים און אַנדערע, און אויך ידידיה מרגלית, וועמען דער חבר־פירער דוד איגנאַטאָוו נעמט אַריין ווי זיינס אַ גלייכן, ווייל ער איז אויך געווען אַ „שטאַרקער מאַן"...

מיט וואָס פאַראַ גבורה האָט זיי איגנאַטאָוו געפירט, — דאָס דערציילט ער ניט. נו, טאַקע: וואָס פאַר אַ כוח איז דאָס געלעגן אין אים, אַז ער זאָל קענען זיך באַרימען היינט, אַז ער האָט עס געפירט אַ דור שרייבער! מיט זיין וויסן און אינטעליגענץ? — יעדער איינער פון אונדז האָט זיך אין



דעם מיט אים אין אַלע צייטן געקענט פאַרגלייכן; אפשר מיט דעם נייעם גלויבן אין אַ ציל צו באַשאַפן אַ פרייע היים פאַר אונדזער שיינער ליטעראַטור? — דער גלויבן איז שוין געווען אין אונדז נאָך איידער איגנאַטאָוו איז געקומען.

איז מיט וואָס פאַרט האָט ער זיך צווישן אונדז אויסגעצייכנט, אַז ער זאָל ביי אונדז זוכה זיין צו זיין אונדזער „פירער"? — מיטן פירן אויף אַ שטופּ־וועגעלע די העפטן „די יוגענד" איבער די ניו־יאָרקער גאַסן און פילן בשעת־מעשה, אַז מיט דעם „איז דער היינטיקער טאָג אַ גאָר גרויסער טאָג"? ווער ווייס? אפשר האָט ב. סענטער, דער ליבער גלוביקער יינגל און טייערער חבר אין יענע טעג, וועלכער האָט אוועקגעגעבן זיינע שכירות אויף אַרויסגעבן די ערשטע צוויי העפטן „די יוגענד" און וואָס האָט זיכער געשלעפּט איבער די גאַסן דעם שטופּ־וועגעלע מיט די העפטן, אויך געפילט אַזעלכע פילונגען, נאָר אים פאַלט, נעבעך, ניט איין צו באַרימען זיך מיט דעם?

סיי־ווי, דער ליבער איגנאַטאָוו האָט אַ גוטן זכרון צו פאַרגעדענקען אַלע זיינע אַמאָליקע פילונגען, זיינע הערונגען און זעאונגען און זיינע מאָנונגען און אויך זיינע מלחמות פאַר דער קרוין פון אַ פירער פון די „יונגע". ער געדענקט עס מיט אַלע פּיטשעווקעס און ער באַפּעסטיקט עס אַזש מיט חנ'עוודיקע דיאַלאָגן, וואָס ער געדענקט ביזן קלענסטן ניואַנס...

מיר איז אָבער אַ ווייטיק פאַר אַ ליבן חבר, וואָס דער עלנט האָט געפירט מיט זיין פען צו פאַראייביקן אַזעלכע נאַרישע ניט־וויכטיקייטן און ווייזן זיך פאַר דער וועלט אַ נאַקעטער אויף חוזק. עס איז אַ ווייטיק פאַרוואָס דער חבר געדענקט ניט די העכערע אידעאַלן, וואָס האָבן פאַרבונדן אונדז אַלעמען אין דער גרופּע „יונגע", און אויך יענעם חברישן צוטרוי, וואָס האָט אונדז געהאַלטן אינאיינעם ווי ברידער. צו איגנאַטאָוון האָט זיך קענטיק ניט צוגעקלעפּט יענער חברישער קעגנזייטיקער צוטרוי, וואָס האָט אונדז אַלעמען געגעבן מוט און כוחות זיך צו שטעלן קעגן אַ וועלט, לערנען איינער פון צווייטן, מונטערן און באַגייסטערן איינער דעם צווייטן און דערהייבן זיך צו פרייע באַוואוסטזיניקע קינסטלער.

אָט דער חברישער צוטרוי האָט מיך אַליין פון אָנהייב אָן געהאַלטן געבונדן צו די גרופּעס: „די יוגענד", פאַראיין „ליטעראַטור", אַרום די ערשטע דריי בענד „שריפטן" און שפּעטער אין „אינזל".

דער צוטרוי פון חבר צו חבר האָט ניט נאָר געבונדן די חברים אין גרופּעס, געשטאַרקט זיי אין קאַמף פאַר אַ הייליקן ציל צו שאַפן אַ פרייע זעלבסטשטענדיקע ליטעראַטור אין אַמעריקע, נאָר מער פון אַלץ האָט דאָס ענגע צוזאַמענלעבן זיך פון חברים געלייטערט אין יעדן איינעם פון אונדז אַ קרובישן קוק אויף קונסט, אַ קרובישן געפיל און געשמאַק פאַר דאָס שיינע, און געשמאַק און שיינעם טאָן אין אייגענעם שרייבן. אונדזער יונגער פּאָעזיע קען אויף דעם עדות זאָגן. מער פון אַלץ איז דאָס געווען אַזוי אין דער גרופּע „יונגע", באַזונדערס ביי די פּאָעטן פון דער גרופּע.

די פראָזע־שרייבער קענען זיך מיט דעם ניט שטאַרק באַרימען. און איגנאַטאָוו באַרימט זיך טאַקע ניט מיט דעם...

ניין, ניט איגנאַטאָווס פירערשאַפט האָט אונדז באַגייסטערט אין אַלע אויפטואונגען פון די גרופּעס. נאָר צוטרוי, חברשאַפט, אָפענע און ערלעכע חברשאַפט פון גלייכע. און דערפאַר פאַרדריסט ביז גאָר, וואָס דער ליבער חבר איגנאַטאָוו געדענקט עס ניט און געדענקט בעסער אויפצושטעלן פאַר דער אייביקייט אַ לעכערלעכן איגנאַטאָוו פירער־קולט...

ליב צו טאָן דעם צוקונפטיקן היסטאָריקער פון דער גרופּע „יונגע", — וועלן מיר פּרובירן דערמאָנען זיך, פון וועמען די „יונגע" שטאַמען און ווער עס זיינען געווען זייערע אמתע רביאים און זייערע שטרענגע מאָנער.

אָט זיינען מיר אַלע. יונג, הפקרדיק, מיט פאַרריסענע קעפּ און מיט ייִנגלישער חוצפה פון אָנפאַנגער אויף אונדזערע אָפענע פנימער און אין אונדזערע רייד. מיר קומען פון אַלע עקן וועלט. אויסגעוואָרצלטע פון אונדזערע היימען, האָבן מיר אויף דער נייער ערד געבראַכט אַ געווויסן באַגאַזש פון ליטעראַרישער קולטור, פּעקלעך כתבים און ליכטיקע חלומות צו ווערן אַ ראָזענפעלד, אַ פּרץ, אַ פלאָבער, אַ היינע, אַ שלום־עליכם, אַ לערמאָנטאָוו, אָדער אַ צונזער. —

איסט בראָדוויי איז דער ליטעראַרישער צענטער. איסט בראָדוויי ציט אונדז צו זיך. דאָ זיינען די יידישע ציַיטונגען. דאָ זיינען ליטעראַרישע קאַפּייען. מאָריס ראָזענפעלד איז דאָ. דער איינציקער, וואָס זיין נאָמען האָט שוין דערגרייכט אונדזערע אַלטע היימען. דאָ זיינען אַלע יידישע שרייבער און רעדאַקטאָרן פון ציַיטונגען און וואָכנשריפטן. דאָ זיינען שרייבער אָן שטעלעס, שרייבער און פּאָעטן, וואָס דרוקן זיך פון צייט צו צייט אין אַ ציַיטונג, אָדער אַ וואָכנשריפט: און דאָס זיינען מיר — אָנפאַנגער פּאָעטן און פּראָזע־שרייבער.

אַ ליטעראַרישער אָוונט. מאָריס ראָזענפעלד דעקלאַמירט זיין „ליכט־פאַרקויפערין" און זיין פאַרפירטע: „געדענקסטו די נאַכט ווען דו האָסט מיר געשוואָרן?" דער זאַל איז געפּאַקט. דער עולם איז יונג און באַגייסטערט. ביים פאַרלאָזן דעם זאַל קרימט איינער די נאָז פון אַזאַ באָמבאַסטישער פּאָעזיע. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט געלייענט ביי פּאָול ווערלען: „אין פּאָעזיע דאַרף פריער פון אַלץ זיין מוזיק"... אַ צווייטער איז ביי זיך אין האַרצן איבערצייַגט, אַז טראַכט ביי זיך, אַז וואָרט, ער וועט שוין ווייזן דער וועלט, אַז ער איז אַזוי גוט ווי ראָזענפעלד... אָבער מיר אַלע, די יונגע אָנפאַנגער, פילן, אַז מיר זיינען אויף אייביק שוין פאַרלאָרן אויף דער וואונדערלעכער איסט בראָדוויי, וואָס האָט אין זיך אַלע כישופן פון דער וועלט...

און אויף איסט בראָדוויי זוכן מיר איינער דעם צווייטן, טוליען זיך איינער צום צווייטן, און אונדזער מחנה וואַקסט. די מחנה וואַקסט און טיילט זיך אין גרופּעס: דער מיט דער גרופּע, אַ צווייטער מיט אַן



אַנדער גרופּע. נאָר יעדער איינער פון אונדז איז באַלויכטן מיט אַ גלויבן אין אונדזער ליטעראַטור און אין זיך אַליין, אַז ער וועט נאָך ווערן אַ גרויסער פּאָעט און זיין נאָמען וועט קלינגען... דערווייל איז שוין אין יעדן איינעם פון אונדז פאַרזייט דאָס קערנדל פון ביטול צו דער שרעקלעך־פּרימיטיווער ליטעראַטור אין אַמעריקע, און דער ביטול וואַקסט צוזאַמען מיט אונדזער פאַרמעסטן זיך צו ווייזן וואָס מיר אַליין קענען... און אַליין זיינען מיר אַלע צוזאַמען געווען אַ נול... אַ „סקיצע" פון דעם אין אַ ציַיטונג, אַ לידל פון אַ צווייטן ערגעץ אין אַ וואָכנשריפט... אָבער רייד פון ביטול האָבן מיר גערעדט מיט יונגער חוצפה... און מיר האָבן היפּשלעך אויפגערעגט די עלטערע שרייבער, און זיי האָבן אויף אונדז, ייִנגלעך, געקוקט מיט פאַראַכטונג.

די מחיצה צווישן די אָנהייבער און די עלטערע שרייבער וואַקסט.

די יידישע פּרעסע האָט זיך דעמאָלט געהאַלטן אין אַנטוויקלען און איינפונדעווען זיך. דעם ווינקל פאַר שייַנער ליטעראַטור, וואָס די פּרעסע האָט אָפּגעגעבן, האָבן פאַרנומען די געציילטע און פּריווילעגירטע עלטערע שרייבער. פון דער זאָרג צו שאַפן אַ פרייע היים פאַר דער ליטעראַטור האָבן זיי ניט געוואוסט. זיי האָבן שוין געהאַט זיך „אַמעריקאַניזירט" און איבערגענומען די יענקי מאָראַל פון „העלפּ יורסעלף"...

די זאָרג פון שאַפן אַ היים פאַר דער אַמעריקאַנער יידישער שייַנער ליטעראַטור האָבן דערפאַר אין דער פולער מאָס גענומען טראָגן די „יונגע". ניט מיר, די אָנהייבער, די געקרוינטע מיטן נאָמען „יונגע", נאָר יענע ייִנגערע שרייבער, וואָס זיינען אויך געווען „יונגע" און זיינען געקומען נאָך פאַר אונדז. איך האָב דאָ אינזינען די ייִנגערע שרייבער פון דעם פאַראיין די „יידישע יוגנט". אין דעם פאַראיין זיינען געווען אַזעלכע שרייבער ווי מ. שמואלזאָן, מ. ציפּין, דאַכט זיך — קאָברין, בן יקיר, ה. רויזענבלאַט, י. אַדלער, יואל סלאָנים, ש. קאָטלער, א. וואָהלינער און אַ סך אַנדערע. אַלעקסאַנדער זעלדין און איך זיינען סוף 1906 געוואָרן מיטגלידער פון דעם פאַראיין עטלעכע וואָכן פאַר זיין אויפלייזן זיך.

געדענק איך, אַז דער הויפּטציל פון דעם פאַראיין איז געווען צו „שאַפן פאַר דער שייַנער יידישער ליטעראַטור אַ זעלבסטשטענדיקע היים". דער פאַראיין איז, ווי געזאָגט, אונטערגעגאַנגען, אָבער דער ציל זיינער איז איבערגענומען געוואָרן פון אונדז, די עטלעכע גאָר ייִנגערע אָנהייבער, און מיר האָבן אים פּראָקלאַמירט ווי אונדזערן אַ ציל אין די ביכלעך „די יוגנט". און איגנאַטאָוו באַמערקט ריכטיק, אַז דער ציל צו האָבן אַ היים פאַר דער שייַנער יידישער ליטעראַטור איז צום טייל אויך גילטיק פאַר היינט.

אונדזערע העפטלעך „די יוגנט" האָבן די עלטערע שרייבער מיט רעכט אויסגעלאַכט. דער ציל, וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט, צו ראַטעווען אונדזער ליטעראַטור, און די זאַכן אונדזערע, וואָס מיר האָבן געדרוקט אין די העפטלעך, האָבן געמוזט אַרויסרופן געלעכטער. אָט ליגן פאַר מיר

די העפטן „די יוגענד“. איך בלעטער זיי און איך לאַך אַליין פון דער חוצפה און נאַאיווקייט פון יענע ליבע ריינע ייִנגלעך, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן אויפשטעלן אַ נייע ליטעראַטור מיט ייִנגלישע סקיצן און לידלעך. איך לאַך, און מיר קומען טרערן אין די אויגן פון דער פרייד, וואָס אין לויף פון לאַנגע און שווערע יאָרן באַשיינען איצטער אונדזער ליטעראַטור אַ סך נעמען פון יענע ייִנגלישע העפטן.

אין יענער צייט האָבן מיר געקוקט אויף יואל ענטינען ווי אויף דעם איינציקן שטיקל „רבי“ און „פירער“ אונדזערן. אונדז האָבן פאַרכאַפּט זיינע „מאָדערניסטישע“ זוכענישן, וואָס זיינען געווען אויך די זוכענישן פון אַ טייל פון אונדז. ענטינס „פירערשאַפט“ האָט אָבער ניט אָנגעהאַלטן לאַנג, און מיר זיינען געוואָרן אונדזערע אייגענע „פירער“, „רביאים“ און „מאַנער“, אין ענגער חברשאַפט און קעגנזייטיקן צוטרוי אין דער חברישער אַטמאָספערע פון מ. י. חיימאָוויטשעס הויז, שפּעטער אין איגנאַטאָוס הויז.

שפּעטער האָט זיך די גרופּע „יוגענד“ אויפגעלייזט. דער פאַראיין „ליטעראַטור“ איז געגרינדעט געוואָרן. די מחנה אָנפאַנגער איז געוואַקסן און געוואָרן אַ גאַנצע „מאָסן־באַוועגונג“. דער פאַראיין „ליטעראַטור“ האָט אַרויסגעגעבן צוויי זאַמלביכלעך און איז אונטערגעגאַנגען, ווייל... ווי איגנאַטאָוו באַרימט זיך — „ווייל... ער האָט באַשלאָסן מער ניט צו קומען צו די מיטינגען“... דער אמת איז, אַז דער פאַראיין, וואָס האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ „מאָסן־באַוועגונג“, האָט געמוזט פאַנאַנדערפאַלן צוליב די גרופּירונגען, וואָס זיינען אויפגעקומען אין אים. אין יענער צייט בין איך געוואָרן נאָענטער מיט איגנאַטאָוון, לאַנדויען און אייזלאַנדן. דריי פּאָעטן און איין פּראָזע־שרייבער. אונדז, די דריי פּאָעטן, האָט פאַראייניקט אַ באַשטימטע איינהייטלעכע קינסטלערישע קולטור און דער זעלביקער ציל, צו דערהויבן אונדזער אייגענע פּאָעזיע צו ריינער קונסט. און מיר דריי האָבן אין איגנאַטאָוון געזען דעם פּאָעט צווישן אַלע ייִנגערע פּראָזע־שרייבער. אויף אונדזער גרופּע פון פיר איז אויסגעפאַלן דער גורל צו טראָגן דעם נאָמען „יונגע“.

איז דערפאַר זייער קאָמיש איגנאַטאָווס באַמערקונג, „אַז מיר איז קיינמאָל ניט איינגעפאַלן צו פאַררעכענען אייזלאַנדן צווישן אונדז, די „יונגע“. עס באַליידיקט ביז גאָר, ווען איגנאַטאָוו רעדט אַזוי וועגן אַ חבר, וועלכער האָט אין אונדזער גרופּע אַריינגעטראָגן העכערן זין פאַר אונדזער ציל, וואָס איז איגנאַטאָוון פאַרבליבן פרעמד, ווייל... ער איז דעמאָלט גאָר געווען פאַרנומען מיט באַשליסן באַשלוסן... אַרויסצוגעבן זאַמלביכער...

אַך, ווי נישטיק, ניט־ערלעך און ניט־אמת זיינען איגנאַטאָווס פּרעטענזיעס! אַזעלכע באַשלוסן האָט ער גאָר ניט געדאַרפט באַשליסן!

דער אמת איז, אַז אין די זונטיקס, ווען מיר פלעגן זיך צוזאַמענטרעפן, האָבן מיר אַלע שטענדיק גערעדט און געפּלאַנט וועגן אַרויסגעבן זאַמלביכער. מיר זיינען אָבער אַלע געווען אָרעם. פלעגן מיר בלייבן ביי די רייד און ביי די פּלענער.



איגנאַטאָוו אָבער דערציילט אַ מעשה, אַז „איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, ווען ער האָט צעעפנט די אויגן אויף זיין בעטל אין זיין צימערל אויף וואַשינגטאָן עוועניו, — ער האָט פאַרגעסן אָנגעבן דעם נומער פון הויז, — האָט ער גלייך מיטן צעעפענען די אויגן כמעט ווי דערהערט: „זאַמלביכער!“ און ער האָט דערזען, אַז אַ באַשלוס איז דאָ באַשלאָסן, אָט אַזוי ווי כמעט אָן זיין וויסן, און אַז דאָס איז אַ באַשלוס וואָס מוז דורכגעפירט ווערן“?

אוך! סאָראַ סטיל! נאָר אונדז איבערראַשט מער דער זכרון פון אַ מענטשן!

ס'איז אָבער מאָדנע, וואָס פונקט דעמאָלט, ווען דער ליבער איגנאַטאָוו האָט געטאָן באַשליסן אַזאַ באַשלוס, אַז גראָד דעמאָלט איז געקומען י. אָפּאַטאָשו מיט געלט, — איך געדענק אפילו די סומע — און מיט אַ לענגערער זאַך, „די מעשה פון אַ פערד־גנב“.

פון דעם דרינגען מיר, אַז איגנאַטאָווס צווייטער באַשלוס, „אַז דער זאַמלבוך זאָל באַשטיין פון פיר און ווער די פיר זאָלן זיין“ — האָט פונקט אַזאַ האַפט, ווי זיין ערשטער באַשלוס, ווייל דער זאַמלבוך „שריפטן“ איז באַשטאַנען ניט פון פיר, לויט זיין באַשלוס, נאָר פון זיבן מיטאַרבעטער: איגנאַטאָוו, י. י. שוואַרץ, ראובן אייזלאַנד, זישע לאַנדוי, מאַני לייב, אָפּאַטאָשו און איינער אַ „ס“. דאָס באַווייזט, אַז אַ „פירער“, וועמעס באַשלוסן ווערן ניט דורכגעפירט, איז קיין פירער ניט. און אומזיסט רייסט זיך דער ליבער איגנאַטאָוו צו דער קרוין פון אַ פירער ביי די „יונגע“.

און אומזיסט זוכט ער אויך צו שלעפּן אויף זיך די „רעדאַקטאָרשע באָרד“. אין זאָג, אַז כאָטש איגנאַטאָוו האָט יאָ געזוכט צו ווערן יענער „איז מיט דער באָרד“, איז ער אָבער פאַקטיש ניט געווען אפילו דער רעדאַקטאָר פון די ערשטע דריי בענד „שריפטן“. אַלע דריי בענד זיינען רעדאַקטירט געוואָרן פון אונדז אַלעמען. אַפילו דער „רעדאַקטאָר“ איגנאַטאָוו איז פון אונדז אַלעמען אויף אַזאַ אופן רעדאַקטירט געוואָרן.

נאָך דעם דריטן באַנד „שריפטן“ האָבן מיר, — אייזלאַנד, לאַנדוי און איך, — איבערגעלאָזן די „שריפטן“ מיט דעם פאַרלאַג „אַמעריקע“ איגנאַטאָוון, און מיר האָבן אינדרייען איבערגענומען די ליטעראַרישע אָפּטיילונג פון „ליטעראַטור און לעבן“.

און דאָ איז איגנאַטאָוו פאַרבליבן, אָדער געוואָרן דער איינאיינציקער באַלעבאָס, פירער און רעדאַקטאָר אין אַלע אויסגאַבעס פון דעם פאַרלאַג „אַמעריקע“. מיר, די אַוועקגעגאַנגענע, האָבן אין זיינע זאַמלביכער צומאָל געגעבן אַ זאַך און מער גאָרנישט. איצט האָט איגנאַטאָוו געהאַט אַ פרייע האַנט צוציען פאַר זיינע מיטאַרבעטער באַרימטקייטן פון די עלטערע שרייבער, שרייבער־דאָקטוירים, „קריטיקער, וואָס זאָלן שרייבן וואָס מען דאַרף“ און אויך צענדליקער אַמאַטאָרן...

מען טאָר אָבער ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט די אמתע ראָל, וואָס איגנאַטאָוון איז אויסגעפאַלן צווישן די „יונגע“.